בחצרות סאטמאר
צענטער פאר אלע נייעס, בילדער און מודעות בחצרות סאטמאר די בכל אתר ואתר
בעזהשי"ת
יום ג' פ' וירא | י"א חשון | תשע"א | סוטה ל"ח.

# באריכט:

## יושבת לאנדאן לבשו בגדי תפארתך

עס איז אצינד באשטימט געווארן אז אי"ה דעם קומענדיגן פרשת תולדות וועט כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א ארויספאהרן קיין עיה"ב לאנדאן צו באשיינען די מעמד הכתרה פון הגה"צ ר' יוסף בנימין וואזנער שליט"א אלס אבד"ק דקהלתינו לאנדאן, וואס וועט אי"ה דאן פאהרקומען בתוככי עיר לאנדאן.

אין די טעג ווערט אויסגעארבעט די גענויע דעטאלן פון רבינו שליט"א'ס נסיעה, ווי דער רבי שליט"א וועט אי"ה ווילן אין לאנדאן אויף עטליכע וואכן טעג בקרב אנשי שלומינו תושבי אייראפע וועלכע קוקן ארויס אויפן' רבין'ס באזוך מיט א שמחה עילאה.

*פרטים יבואו*

*-תשית לראשו עטרת פז... אורך ימים עולם ועד-*

היינט אינדערפרי האט דער רבי שליט"א געדאווענט שחרית אין ישיבה גדולה – שיעור ב' ווי דער רבי שליט"א האט געגעבן א שיעור אין ספר תהלים נאכ'ן דאווענען.

היינט נאכט וועט אי"ה זיין זמן כניסה אין וויליאמסבורג פון 8:00 ביז 11:00 אויפדערנאכט.

## האדמו"ר מ'ראחמסטריווקא ארה"ק שליט"א באזוכט ביי אב"ד דקהלתינו מאנטשעסטער שליט"א

דער ראחמסטריווקא רבי שליט"א פון ארה"ק וועלכער ווייל אצינד אין מאנטשעסטער לטובת זיינע מוסדות אין ארץ ישראל, האט די וואך אפגעשטאט א באזוך ביי הגה"צ אבד"ק דקהלתינו שליט"א ווי עס האט זיך אנטוויקעלט א הערליכע שמועס בתורה וחסידות.

## אבד חסיד מן הארץ

נעכטן – מאנטאג נאכט האבן הונדערטער אידן פון בארא פארק, וויליאמסבורג און קרית יואל באגלייט למנוחות הרה"ח נודע בשערים ר' יוסף

סאקס ז"ל וועלכער איז נפטר געווארן אין עלטער פון 90 יאהר.

ר' יוסף ז"ל וואס איז געווען ברייט באקאנט מיט זיין ערליכקייט און פשטות און מיט זיין גרויס יראת שמים, איז געווען באליבט ביי יעדן איינעם וואס איז נאר געקומען מיט אים און פארבינדונג ביי סיי וואס עס זאל נאר זיין, יאהרן לאנג האט ער פארקויפט ספרי קודש אין בית מדרשינו הגדול אין בארא פארק און אזוי אויך אין ביהמ"ד ראדני אין וויליאמסבורג, און ווען אימער עס איז נאר מעגליך געווען האט ער געזוכט צו טוהן חסד מיט א צווייטן איד, אדר מזכה זיין מיט א אמן יהש"ר.

ער איז אוועק אין זעלבן טאג פון די חתונה פון זיין ערשטע אור-אייניקל וואס איז נעכטן געגאנגען אונטער די חופה, צום ערשט איז די לוי' ארויס פארנט פון בית מדרשינו הגדול אין בארא פארק ווי דער חשובע'ר נפטר האט יאהרן לאנג פארבראכט בתורה ועבודה פארקויפנ'דיג ספרים יעדן פארמיטאג אין ביהמ"ד, ווי עס האבן מספיד געווען הגה"צ דער בארא פארק'ער רב שליט"א, און דערנאך מחותנו אבד"ק מעזיבוש שליט"א, נכדו מוה"ר ישעי' סאקס הי"ו, שעניא רב שליט"א, און אן אייניקל האברך ר' שניאור זלמן פערלמוטער הי"ו.

פון דארט איז די לוי' געגאנגען אויף וויליאמסבורג ווי עס איז זיך צוזאמענגעקומען א גרויסער ציבור ביים ביהמ"ד אויף 152 ראדני סט. אפגעבן דעם נויטיגן כבוד פאר אזא חשובע נפטר, און עס זענען דארט פאהרגעקומען הספדים, און פון דארט האט מען געפירט דעם נפטר אויף קרית יואל ווי ער איז נטמן געווארן אויפ'ן בית החיים דקהלתינו הק'.

*-יהא זכרו ברוך-*

דער אימעיל פונעם מערכת פאר קאמענטארן, נייעסן, בילדער, און וויאזוי אויך ארויפצוגיין אויף אונזער רשימה איז:
BechatsrosSatmar@Gmail.com

ארויפצוגיין אויף אונזער ליסטע, אדער אראפצוגיין מוז אריינגעשיקט ווערן א אימעיל אדרעס מיט א נאמען פונעם ערהאלטער פון יענער אדרעס און שטאט ווי מען וואוינט.